NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12854

MAYSELELKH FUN FARSHEYDENE FELKER

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מעשׂהלעך

פֿון

פֿאַרשיידענע

פֿעלקער

ייִדישע שול אין מעקסיקע · 1961

מעשהלעך

פון

פארשידענע פעלקער

יידישע שול אין מעקסיקע

1961

דאָס ביכל איז אַרויסגעגעבן דורך דעם

מ ו ט ע ר ־ פ אַ ר ב אַ נ ד

ביי דער יידישער שול אין מעקסיקע,

צום יערלעכן חודש פון בוך, 1961.

* * *

די אַרויסגעבער דריקן אויס אַ דאַנק דעם פריינד

ל י פּ ע ל ע ה ר ע ר ,

רעדאַקטאָר פון „קינדער־זשורנאַל" אין ניו־יאָרק,
פאַר דער פריינדלעכער דערלויבעניש איבערצודרוקן
די מעשהלעך פאַר דעם דאָזיקן ביכל.

* * *

אָפּקלייב, טעכנישע רעדאַקציע און שער־בלעטל
פון ש א ו ל פ ע ר ד מ אַ ן

אילוסטראַציעס פון קאַרלאָס פּינאַדאָר

אַן אויסטראַליש בערעלע

אַמאָל איז געווען אַ פּאַרמער. געוואוינט האָט ער טיף אין די אויסטראַלישע וועלדער. דאָרט האָט ער געהאַט אַ גרויס שטיק לאַנד און פיל שאָף און רינדער. ער האָט געהאַט אַ ווייב און אַ סך קינדער.

איין זון מיטן נאָמען ביל האָט זייער ליב געהאַט דעם וואַלד. גאַנץ פרי, ווי ער פלעגט נאָר דערהערן די געלעכטערס פון די אויסטראַליער לאַבעדיקע פייגל מיטן נאָמען „קוקאָבורא", פלעגט ער באַלד זיך אָנטאָן און אַוועקלויפן אין וואַלד, פאַרדייסן דאָס קעפּעלע צו די ביימער, זיך צוקוקן און זיך איינהערן ווי אַזוי די „קוקאָבוראַס" זיצן אויף די צווייגן פון די ביימער מיט פאַרריסענע קעפּלעך צום הימל און לאַכן אַזוי הילכיק, אַזוי האַרציק, ווי זיי וואָלטן געוואָלט, אַז דער הימל זאָל זיי הערן.

ווען די „קוקאָבוראַס" פלעגן אויפהערן צו לאַכן, פלעגט זיך ביל צוהערן צו די גלעקל-פייגל, וואָס זייער געזאַנג איז פונקט ווי אַ קליין גלעקל וואָלט געקלונגען; אָדער זיך צוהערן צו די מעקאַ-פייגל, וואָס זייער געזאַנג איז ווי פון אַ קלאַרנעט.

ביל האָט אויך ליב געהאַט די בערעלעך אין וואַלד, באַוואונדערט די מוטער פון די בערעלעך. צו איר האָט ער זיך זייער ליב געהאַט צוקוקן, ווי אַזוי די טראָגט אויף איר רוקן איין קינד אָדער מער קינדער-בערעלעך; און ווי די גאָר קליינינקע בערעלעך, ווי נאָר-וואָס געבוירענע הינטעלעך, ליגן אויפן

וויכן האַריקן רוקן פון זייער מאַמען; ווי זיי האַלטן זיך שטאַרק צו מיט די פיסעלעך, כדי זיי זאָלן ניט אַראָפּפאַלן, בעת די מוטער-בערעלע קריכט אויף די ביימער און צווייגן ביים זוכן עסן.

און עסן — עסן די אויסטראַלישע בערעלעך די בלעטער פון די ביימער. די אויסטראַלישע זיינען גאָר אַנדערש ווי די בערעלעך פון אַנדערע טיילן פון דער וועלט. אומעטום עסן בערן פלייש און זיינען געפּער-לעך און בלוטדורשטיק. אָבער נישט אַזוי זיינען די אויסטראַלישע בערעלעך. זיי זיינען קליין ווי כינע-זישע הינטעלעך, זיינען גוטינקע, עסן ניט קיין שום לעבעדיקע זאַך און דערנערן זיך בלויז מיט די בלע-טעלעך פון די ביימער. די אויסטראַלישע בערעלעך טשעפּען קיינעם ניט, און אַז מען טשעפּעט זיי, הייבן זיי אָן וויינען, פּונקט ווי אַ קליין קינד וואָלט געוויינט.

און ביל האָט מאַקע ליב געהאַט צו הערן ווי אַזוי די בערעלעך וויינען. פלעגט ביל נעמען אַ שטעקע-לע און צוגיין צו אַ בוים, וואו עס איז געזעסן אַ בע-רעלע נאָך מיט אַ קינד-בערעלע אויפן רוקן און האָבן ווי שטענדיק רואיק און פרידלעך געקייט די בלעטעלעך פון די צווייגן. זיי האָבן ניט געזען, וואָס ביל קלייבט זיך דאָ טאָן. און פּלוצלונג פלעגט ביל נעמען מאַכן קולות און מיטן שטעקעלע קלאַפּן אין בוים. צעשראָקענע -- פלעגן די בערעלעך זיך צעוויי-נען מיט אַ קינדעריש געוויין.

ביל פלעגט זיך האַרציק צעלאַכן און עס האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס ער שרעקט זיי איבער, אָבער געטשעפּעט האָט ביל זיי קיין מאָל ניט. ער האָט זיי זייער ליב געהאַט אָט די קליינינקע גוטע, שיינע בערעלעך.

איין מאָל, אַזוי זיך רייצנדיק מיט די בערעלעך, איז אים געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז ער וועט

גאַר צונעמען אַ קליין בערעלע פון דער מוטער בע-
רעלע און עס ברענגען צו זיך אַ היים. ער וועט עס
אויפהאָדעווען און מיט דעם זיך שפּילן. און אַזוי
האָט ער טאַקע געטאָן. איין מאָל, ווען ער האָט גע-
זען אַ מוטער-בערעלע האַלטנדיק אויף איר רוקן אַ
בערעלע און זי איז געווען פאַרטאָן אין קייען בל
טעלעך אויפן בוים, איז ביל שטילינקערהייט אַרויפ-
געקראָכן און אַראָפּגעכאַפּט דאָס בערעלע פון דער
מוטערס רוקן. די מוטער און קינד האָבן גענומען
וויינען. אָבער ביל האָט זיך צו זייער געוויין ניט צו-
געהערט און שנעל מיטן בערעלע אַנטלאָפן אַהיים.
ער האָט זיך זייער געפרייט, וואָס ער האָט איצט אַ
קליין בערעלע און ער וועט זיך מיט אים קענען
שפּילן.

ביל האָט אויך ליב געהאַט הינטעלעך, און ביי
זיי אויפן לאַנד זיינען געווען אַלערליי הינט. איין הונט
האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק געבוירן אַ סך קליי-
נע הינטעלעך, טייל ברוינע און טייל גראָע. די גראָע
הינטעלעך האָבן אויסגעקוקט פּונקט ווי דאָס קליי-
נינקע גראָע בערעלע. און ביל האָט דאָס בערעלע
אַריינגעשטעלט צווישן די קליינע הינטעלעך.

אָבער די קליינע הינטעלעך זיינען געווען
שטיפעריש און געקראָכן איינער אויפן אַנדערן,
כלומרשט געביסן זיך און געבילט. דאָס קליינע בע-
רעלע האָט געבענקט נאָך זיין מאַמען און ער האָט
זיך אויך געשראָקן פאַר די שטיפערישע הינטעלעך.
און זיי האָבן זיך מיט אים גענומען שפּילן, כלומרשט
בייסן און קושן. דאָס בערעלע האָט געוויינט. גע-
פּרואווט אַוועקקריכן פון זיי, אָבער זיי זיינען געווען
פלינקער פון אים און פלעגן אים דערטאַפּן און זיך
רייצן, בילן, שפּילן מיט אים. און דאָס בערעלע
פלעגט וויינען.

די מאַמע-הונט האָט דערהערט אַ געוויין צווישן

אירע הינטעלעך, איז זי צוגעגאַנגען און טשיקאַווע געקוקט אויף דעם מאָרגנעם הינטעלע, וואָס זי האָט. עס ווייַנט גאָר עפּעס. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד לעבן בערעלע, און אַלע הינטעלעך האָבן תּיכּף גענומען זויגן, אָבער ניט דאָס בערעלע. די מוטער-הונט האָט אים אָנגעקוקט, גענומען מרו־קען, בילן און מיט דעם רעכטן פֿאָדערשטן פֿוס פּאַ־מעלעך געגעבן דעם בערעלע אַ ריר און זיך צוגע־קוקט, אַזוי ווי זיך געחידושט: וואָס איז דאָס? איז דאָס אויך אַ הינטעלע? פֿאַרוואָס זויגט עס נישט? פֿאַרוואָס בילט עס ניט, ווי אַלע אירע קינדער הינ־טעלעך, נאָר עס ווייַנט נאָר? און וואָס מער זי האָט געבילט, אַלץ מער האָט זיך דאָס בערעלע גע־שראָקן און געוויינט.

טעג זייַנען פֿאַריבער. די הינטעלעך האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צום בערעלע, און דאָס בע־רעלע צו די הינטעלעך. דאָס בערעלע האָט שוין מער ניט געוויינט. בעת די הינטעלעך פֿלעגן זיך מיט אים שפּילן. אַפֿילו ווען די הינטעלעך פֿלעגן לויפֿן און בילן, פֿלעגט זיי שוין דאָס בערעלע נאָכלויפֿן פּאַוואָליע, זיך וויגנדיק אויף די בערישע פֿיסלעך. ווען ביל פֿלעגט דאָס דערזען, פֿלעגט ער זיך פֿרייען און גאָר אָנקוקלען פֿון קליינינקן בערעלע און זיך אויך מיט אים שפּילן.

ווען דאָס בערעלע איז געוואָרן גרעסער, האָט ביל געטראַכט: מען דאַרף גאָר מאַכן אַ קלײַן וועגעלע און אײַנשפּאַנען דאָס בערעלע אין וועגעלע. ער וועט זיך אַרײַנזעצן אין וועגעלע, און דאָס בערעלע וועט אים פֿירן, וווּ נאָר ער וועט אַליין וועלן.

האָט ביל באַלד געמאַכט אַ קלײנינק וועגעלע און גענומען דעם בערעלע אײַנשפּאַנען. אָבער דאָס בערעלע האָט ניט געוואָלט גיין אין שפּאַן. עס האָט פּראָטעסטירט, געוואָרפֿן מיט די הינטערשטע פֿיס־

לעך, געשאָקלט מיטן קעפּל, ווי איינער זאָגט: איך וויל ניט גיין אין שפּאַן, לאָז מיך זיין פרײַ, איך וויל ניט שלעפּן דיך מיטן וועגעלע!

אָבער ביל האָט זיך איינגעשפּאַרט און געטראַכט, אַז דאָס בערעלע מוז אים שלעפּן. האָט ער געמאַכט אַ בייטש און גענומען מיט אים שמייסן דאָס בע־רעלע. דאָס בערעלע האָט דערפילט דעם ווייטיק, האָט עס געוויינט און גענומען לויפן, און ביל האָט זיך געפרייט: ער האָט געצוואונגען דאָס בערעלע אים צו שלעפּן.

און אָט אַזוי האָט ביל זיך געשפּילט: יעדן אין דער פרי פלעגט ער איינשפּאַנען דאָס בערעלע אין וועגעלע, אַז ער זאָל אים פירן, וואו נאָר ער האָט געוואָלט. אָבער יעדן מאָל פלעגט דאָס בערעלע פּראָטעסטירן אויף זיין שטייגער, זיך ניט לאָזן שפּאַ־נען, וואַרפן מיט די הינטערשטע פיסלעך און הייען מיטן קאָפּ.

איין מאָל זיצט ביל אין וועגעלע, פרייט זיך און לאַכט און טרייבט דאָס בערעלע, אַז ער זאָל שנעל לויפן אין וואַלד. אָבער עס קאָן שנעל נישט לויפן. עס איז אים שווער, זייער שווער. עס שטעלט זיך אַלע ווײַלע זיך אָפּרוען, אָבער ביל לאָזט אים זיך נישט אָפּשטעלן אפילו, גיט אים אַלע ווײַלע אַ שמייז מיט דער בייטש, און דאָס בערעלע מוז לויפן. פּלוצלונג, אַזוי ווי ביל האָלט אים אין שמייסן, נעמט דאָס בע־רעלע און גיט מיט אַלע כוחות אַ לויף צו צו אַ בוים און הייבט אָן קלעטערן אַרויף מיטן וועגעלע, און ביל פאַלט אַרויס פון וועגעלע און צעקלאַפּט זיך.

פון גרויס ווייטיק וויינט ער זיך שטאַרק פונאַנ־דער און ער זעט מיט שרעק און פאַרוואונדערונג, וואָס דאָס בערעלע האָט אים אַזוי אָפּגעטאָן. ער האָט זיך גאָר ניט געריכט אויף דעם. ער קוקט, ווי דאָס

בערעלע דראַפּט זיך אויפן בוים אַלץ העכער און העכער מיט זיין וועגעלע.

דאָס בערעלע שטעלט זיך אַלע ווײַלע אָפּ, כאַפּט אַ קוק אויף בילן, ווי ער וואַלט זאָגן: — אַהאַ! גוט, איך האָב דיך באַשטראָפט, דיך געמאַכט וויינען, ווי דו האָסט מיך געמאַכט וויינען יעדן טאָג. וועסט מיך מער ניט פייניקן, דו שלעכט יינגעלע, איך בין איצט העכער פון דיר.

אַזוי ווי דאָס בערעלע קלעטערט אַזוי אויפן בוים, דערפילט ער, אַז עפּעס שטיקט אים. ער קען שוין העכער נישט קלעטערן. די שטריק האָבן זיך פאַר-פלאָנטערט אין די צווייגן פון בוים, און עס שטיקט אים. דאָס בערעלע האָט גענומען וויינען. און תּיכּף האָבן דערהערט אַנדערע בערעלעך פון וואַלד און זיי זיינען געקומען צו לויפן. זיי גיבן אַ קוק, ווי עפּעס אַ זאַך שטיקט ווייערס אַ בערעלע בים האָלדז. זיי-נען זיי באַלד אים געקומען צו הילף, גענומען בייסן די שטריק. וואָס האָבן געשטיקט זייער חבר בערע-לע, און האָבן אַזוי לאַנג געביסן די שטריק, ביז די שטריק מיטן וועגעלע זיינען אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. דאָס וועגעלע האָט זיך צעבראָכן אויף פּיץ פּיצלעך, און דאָס בערעלע איז געוואָרן פריי. ווי אַלע חברים בערעלעך אין וואַלד.

אַ שטורעמדיקע נאַכט

די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. אַ בייזער האַרבסטיקער רעגן האָט געשמיסן, און אַ דרייער ווינט האָט זיך געיאָגט איבערן האַדסאָן. דער טייך איז גע-ווען צעשטורעמט, גרויסע כוואַליעס, ווי וועלף, האָ-בן זיך געוואָרפן איינע איבער די אַנדערע, געוואָלט איינשלינגען איינע די אַנדערע.

דער קליינער דאָק, וואָס איז געלעגן עטלעכע מייל פון ניו-יאָרק, איז איצט געווען איינגעוויקלט אין פינצטערניש. די כוואַליעס האָבן געוואָרפן די דורכ-געפוילטע ברעטער און געריסן די גרינע מאָכיקע שטריק, וואָס זענען געווען צוגעקניפּט צו די דאָק-סלופּעס. דאָס קליינע שטיבל, וואָס איז געשטאַנען האַרט ביים דאָק, איז געווען ווי אַ קינדער-שפּילעכל ביים ווינט: סע האָט זיך געדאַכט, אַז אָט-באַלד רייסט ער עס אָפּ פון דער ערד און טראָגט עס אַוועק אי-בער די צעשוימטע וואַסערן פונעם האַדסאָן.

אין שטיבל אין דער צוועלפיאָריקער דזשאָני גע-ווען אַליין. דער טאַטע איז אַריבערגעפאָרן דעם האַד-סאָן אויף יענער זייט, און דזשאָני האָט אויף אים געוואַרט. ס'איז געוואָרן שפּעט, ~~און דזשאָני~~ האָט דערפילט, אַז ס'איז אומהיימלעך צו זיין איצטער דאָ איינער אַליין אין דעם פאַרוואָרפענעם שטיבל. פאַר קיין שטורעם האָט דזשאָני קיין מורא נישט געהאַט, וואָרעם ער איז אויסגעוואַקסן ביים וואַסער, אָבער פאַרט האָט ער דערפילט אַ באַהאַלטענע אומרו,

וואָס איז געוואַקסן אין אים אַלץ שטאַרקער, וואָס שפּעטער ס׳איז געוואָרן.

וואו איז דער טאַטע אַזוי שפּעט? דושאָני האָט געוואוסט, אַז דער טאַטע האָט זיך אַריבערגעשיפט דעם האַרסאָן אין אַ קליין הילצערן שיפל. פאַרנאַכט איז דאָס וואַסער געווען שטיל, די זון האָט ביים פאַרגיין באַגאָסן דעם טייך מיט רויטן שיין, און דער טאַטע, ווען ער האָט זיך דערווייטערט פון ברעג, האָט אויסגעקוקט, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ פייערדיקע קרוין אויפן קאָפּ. שפּעטער האָט זיך דאָס וועטער שאַרף געביטן, און איצט בושעוועט דער שטורעם איבערן גאַנצן האַרסאָן.

דושאָני איז געוואָרן נאָך מער אומרואיק, ווען אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט אַ געשריי פון דרויסן. ער האָט אָנגעטאָן די לאַנגע שטיוול, דעם שווערן רעגנמאַנטל און דאָס היטל. ער האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט אין לאַמטערן און איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף. די פינצטערניש האָט אים אַרומגעכאַפּט, דער ווינט האָט אים געשמיסן דעם רעגן אין־פּנים אַריין, דעם לאַמטערן האָט ער קוים געקאָנט איינהאַלטן אין די הענט. דושאָני האָט זיך צום אָנהייב אַ וואַקל געטאָן, אָבער ער האָט אָנגעשטייפט זיינע גלידער און אַרויסגעשטעלט קעגן ווינט זיין קינדערישע ברוסט. ער האָט אויפגעהויבן דעם לאַמטערן און איינגעקוקט זיך אין דער פינצטערניש. צום אָנהייב האָט ער גאָרניש געזען, דער גאַנצער ברעג איז געווען ווי פאַרגאָסן מיט שוים. נאָר ביסלעכווייז האָט ער זיך צוגעוואוינט צום דרויסן, דאָס שוואַכע לאַמטערן־ליכט האָט אים באַלויכטן דעם אַרום, און ער האָט דערזען ווי אין מיטן טייך וואַרפט זיך אַ שיפל איבער די כוואַליעס.

וואָס טוט מען? דושאָני האָט געפילט, ווי אַ שוידער נעמט אים דורך דאָס גאַנצע לייב. ער האָט אָנ-

געהויבן צו שרייען: „טאַטע! טאַטע!" אָבער דער ווינט האָט פאַרטראָגן דאָס געשריי זיינס און דער פאַרקערטער זייט. דזשאָני איז אַרומגעלאָפן איבערן קליינעם דאַך און האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. די ברעטער האָבן געסקריפּעט אונטער אים, און עט־לעכע מאָל האָט ער זיך אויסגעגליטשט און איז גע־פאַלן.

פּלוצעם האָט ער דערזען אַ שיפל, וואָס איז גע־ווען צוגעבונדן צום דאַך. אים איז קלאָר געוואָרן, אַז ער דאַרף זיך אַרויסלאָזן אויפן טייך צו ראַטעווען דעם טאַטן. ער האָט נישט געטראַכט אַפילו קיין איין מינוט, אַז ער איז דאָך אַ יונג קינד, אַז ער וועט ניט קאָנען פירן דאָס שיפל אויפן צעשטורעמטן טייך. געוואוסט האָט ער נאָר, אַז זיין טאַטע איז אין מיטן פון די בייזע כוואַליעס, אַז דאָס שיפל זיינס ווערט געשלידערט, און דאָס לעבן זיינס איז אין גרויס געפאַר.

דזשאָניס הענט זענען געווען נאַס און הזרכגע־פרוירן, און ער האָט אַ לאַנגע צייט געפּאָרעט זיך ביים שטריק, ביז ער האָט געקאָנט אָפּבינדן דאָס שיפל. אָבער ווי־נאָר דער שטריק האָט נאָכגעלאָזט, האָט זיך דאָס שיפל אַרויסגעריסן פון דזשאָניס הענט, און די כוואַליעס האָבן עס אַוועקגעשלעפּט פון ברעג. אַ סעקונדע איז דזשאָני געבליבן פאַרלוירן, אָבער באַלד איז ער אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער און האָט זיך געלאָזט נאָכשווימען נאָך דעם שיפל. די כוואַ־ליעס האָבן אים געשלידערט, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן פון אויבן, ווייל ער איז געווען אַ גוטער שווימער. שפּאַן נאָך שפּאַן האָט ער אַריינגעכאַפּט דעם טייך. עטלעכע מאָל איז ער שוין געווען ביים שיפל, נאָר דאָס וואַסער האָט אים צוריקגעשלי־דערט, ביז ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביי דער נאָז פו־נעם שיפל און האָט עס שוין ניט אָפּגעלאָזט.

אידער דזשאַני האָט אַריינגעקלעטערט אין שיפל, האָט ער זיך עטלעכע מאָל איבערגעקערט, אָבער ווען ער איז געזעסן אינעווייניק, האָט ער מיט זיבע-רע הענט גענומען די רודערס און אָנגעהויבן שניידן דאָס וואַסער.

דאָס האַרץ האָט זיך אים געהויבן פון דער אָנגע-שטרענגטער אַרבעט. ער האָט געפילט, אַז די מוס-קולן ווערן אַלץ מער און מער אָנגעצויגן, אַז באַלד וועלן זיי פּלאַצן. ווי לאַנג ער האָט אזוי געפירט אַ קאַמף מיט די כוואַליעס, האָט דזשאַני נישט גע-וואוסט, ביז ער איז געוואָרן אויסגעשעפּט, די רו-דערס זיינען אים אַרויסגעפאַלן פון די הענט, און ער איז געבליבן ליגן אויפן דעק פון שיפל.

פאַר די אויגן האָבן זיך אים געוואָרפן כוואַליעס, שיפלעך האָבן זיך געהויבן אין דער הייך און זענען געפאַלן אין דער טיפעניש פון טייך. דער טאַטע האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון די כוואַליעס און האָט געשריגן צו אים: „ראַטעווע!"... דערנאָך איז דזשאַני אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שווערן שלאָף...

ווען ער האָט געעפנט די אויגן, איז געווען טאָג. דער טייך איז געווען רואיק, דאָס וואַסער האָט אויס-געקוקט, ווי סע וואָלט גאָר קיין מאָל נישט געשטור-עמט. דזשאַני איז אויפגעשפּרונגען און האָט זיך באַלד דערמאָנט, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען ביינאַכט. ער האָט געזוכט דאָס שיפל אויפן טייך און האָט עס נישט געזען. מסתמא איז דער טאַטע ער-גענץ פאַרטראָגן געוואָרן, אָדער די כוואַליעס האָבן אים גאָר איינגעשלונגען...

— טאַטע! טאַטע! — האָט זיך פון דזשאַניס ברוסט אַרויסגעריסן אַ געשריי.

נאָר פּלוצעם האָט ער דערזען אַ שיפל צושווי-מען פון דער אַנדערער זייט. דאָס האַרץ איז אים אָנ-

נעפילט געוואָרן מיט פרייד, וואָרעם ער האָט געזען: דער טאַטע זיצט אין שיפל און מאַכט צו אים מיט די הענט.

באַלד איז דער טאַטע צוגעשוואומען צו אים, האָט צוגעשלעפט זיין שיפל און אים געהייסן אַריבערשפּרינגען צו זיך.

— ווי קומסטו אין מיטן טייך, דזשאָני? — האָט דער טאַטע געפרעגט.

— איך האָב געזען דיין שיפל ביי נאַכט און דיך געוואָלט ראַטעווען.

— ביסט אַן אמתער שיפער, מיין זון, — האָט דער טאַטע געזאָגט מיט שטאָלץ און האָט אים דערלאַנגט די האַנט.

— אָבער ווי האָסטו זיך געראַטעוועט, טאַטע?

— דאָס וואַסער האָט מיך צוגעוואָרפן צום ברעג...

קום, דזשאָני, דאָס עסן וואַרט שוין אויף דיר.

דזשאָני האָט געפילט, אַז ער איז שוין גלייך מיטן טאַטן, און אַ שטאָלצער איז ער מיט אים אַרונטער פון שיפל...

די צוואַנציק קרישטאָלענע וואַזעס

א.

דער קעניג פון עטיאָפּיע האָט געשלאָסן אַ בונד מיט דעם קעניג פון אשור. דער קעניג פון אשור האָט געשיקט אַ מתנה זיין נייעם פריינד צוואַנציק קרישטאָלענע וואַזעס.

די וואַזעס זיינען געווען געמאַכט דורך די גרעסטע מייסטערס פון אשור. דער עטיאָפּישער קעניג

האָט אָנגענומען די פײַנע קרוין, באַשטימט פאַר זי
אַ באַזונדער צימער און זי אָפּגעהיט, װי דאָס שװאַר-
צאַפּל פון זײַן אויג.

און עס האָט געטראָפן, װען דער באַרינער האָט
געדרייניקט דאָס צימער, האָט ער צעבראָכן אַ װאַזע.
דער קעניג איז זייער שטאַרק אין כעס געװאָרן
און האָט באַפוילן צו טייטן דעם באַרינער.

ב.

אַן אַלטער מאַן האָט דערהערט דעם באַפעל,
האָט ער געזאָגט צום קעניג:

— מײַן האַר קעניג, איך װייס, װי אַזוי צו פאַר-
ריכטן די צעבראָכענע װאַזע. זאָל דער קעניג מיר
װײַזן די גאַנצע װאַזעס, װעל איך אַזוי צוזאַמענשטעלן
די שערבלעך פון דער צעבראָכענער װאַזע, אַז קיי-
נער װעט ניט דערקענען, אַז זי איז װען-עס-איז צע-
בראָכן געװאָרן.

האָט דער קעניג באַפוילן, מע זאָל אַרײַנפירן דעם
אַלטן מאַן אין צימער, װוּ די װאַזעס זײַנען געשטאַ-
נען, צוגעדעקט מיט אַ זײַדן טוך.

דער אַלטער מאַן האָט מיט דער לינקער האַנט
אַראָפּגענומען דאָס זײַדענע טוך און מיט דער רעכ-
טער האַנט האָט ער צעשמעטערט אַלע ניינצן װאַ-
זעס אויף פיץ-פּיצלעך. און ער האָט געזאָגט:

— ניט קיין ניינצן קרישטאָלענע װאַזעס זײַנען
דאָס, נאָר ניינצן מערדער. זיי װעלן נאָך דערהרגענען
ניינצן מענטשן. שוין בעסער, אַז איך אײנער זאָל
שטאַרבן.

דער קעניג האָט דערהערט דעם אַלטנס רייד און
ער האָט זיך פאַרשעמט. ער האָט באַפוילן באַפרייען
דעם באַרינער, און דעם אַלטן מאַן האָט ער אָנגע-
לאָדן מיט מתנות און אים אַװעקגעשיקט אַהיים מיט
גרויס פּאַראַד.

אַז מע גראָבט אויף יענעם אַ גרוב, פאַלט מען אַליין אַריין

אויף איינעם פון די יאַפּאַנעזישע אינדזלען האָט מיט אַ סך יאָרן צוריק געלעבט דער באַרימטער פּוילענצער סאַקי סאַקיטובאַ. סאַקי האָט אין זיין לעבן נאָך ניט פאַרזוכט דעם טעם פון אַרבעט און האָט נאָך קיין מאָל ניט געפּרואווט פאַרדינען זיין ברויט מיט אַ ביסל מי. פון אין דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט איז ער געלעגן אויף אַ צעריסענער קאָלדרע און האָט געשעפּטשעט מיט די ליפּן.

— וואָס שעפּטשעסטו דעם גאַנצן טאָג אָן אויפהער? — פלעגן פאַרבייגייער אָפּלאַכן פון אים.

— וואָס ווילט איר פון מיר? — פלעגט סאַקי ענטפערן מיט געבייזער. — זעט איר דען ניט, אַז איך טו תפילה צו גאָט.

— וואָס בעטסטו ביי גאָט, סאַקי?

— איך בעט גאָט, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף מיר און מיך אויסלייזן פון מיין אָרעמקייט.

איין מאָל האָט סאַקי געהערט, אַז אויף איינעם פון די אינדזלען פון יאַפּאַן לעבן מענטשן. וואָס האָבן בלויז איין אויג. סאַקי האָט זיך דערפרייט.

— גאָט האָט דערהערט מיין תפילה! — האָט ער געטאַנצט פאַר פרייד. — איך וועל זיך דורכפאָרן צו דעם אינדזל, וואו די איין־אויגיקע מענטשן געפינען זיך, און וועל פאַרנאַרן איינעם פון זיי צו זיך אין שיפל. איך וועל אים ברענגען אַהער און וועל אים פאַר־

שפּאַרן אין אַ גרויסער שטייג. איך בין זיכער, אַז יע־
דער איינער וועט וועלן זען דעם מאַן מיט איין אויג,
און איך וועל דערפאַר רעכענען געלט. און אַ קור־
צער צייט וועל איך ווערן דער רייכסטער מאַן אין
לאַנד.

געזאָגט און געטאָן. סאַקי האָט זיך אַריינגעזעצט
אין אַ שיפֿל און איז אַוועק צו יענעם אינדזל. ווי נאָר
ער איז צוגעקומען צו יענעם ברעג, האָט ער באַלד
דערזען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט: פאַר אים איז
געשטאַנען אַ הויכער מאַן מיט איין אויג אין שטערן,
פינקטלעך איבער דער נאָז. סאַקי האָט זיך פאַרנייגט
פאַר דעם מאַן און האָט מיט אַ צוקער־זיס שמייכע־
לע געזאָגט:

— אַלע מיינע יאָרן האָב איך זיך געוואונטשן צו
באַגעגענען אַזאַ פיינעם מענטשן ווי דו, מיין האַר!
געלויבט איז גאָט, וואָס האָט מיך געבראַכט אַהער!

דער הויכער מאַן מיט דעם איינעם אויג אין
שטערן האָט באַטראַכט סאַקין פון קאָפּ ביז די פיס
און האָט געענטפערט:

— איך האָב אויך מיין גאַנץ לעבן געוואַרט זיך
צו באַגעגענען מיט אַזאַ פיינעם מענטשן, ווי דו
ביסט, מיין האַר.

דער קלוגער פוילענצער האָט ווייטער גערעדט:

— אַז גאָט האָט שוין יאָ אַזוי געפירט, טו זשע,
איך בעט דיך, מיר אָן דעם כבוד און קום מיט מיר.
מיין שיפֿל וואַרט אויף מיר און איך בין זיכער, אַז
מיינע מענטשן וועלן דיך אויפנעמען מיט גרויס פרייד
און כבוד.

— אַ גרויסן דאַנק, מיין האַר! — האָט געענטפערט
דער איין־אויגיקער מאַן. — איך נעם אָן דיין ברייט־
האַרציקע פאַרבעטונג מיט גרויס פאַרגעניגן. אָבער
עס וועט ניט זיין ריכטיק, אַז מיר זאָלן אַוועקפאָרן,
איידער דו וועסט מיר אָנטאָן דעם כבוד און זיין אַ

גאַסט ביי מיר אין הויז. קום מיט מיר, מיין האַר, ווערסט אַפּעסן און זיך אָפּרוען פון וועג, דערנאָך וועל איך מיטפאָרן מיט דיר.

סאַקי איז שיר ניט צעשמאָלצן געוואָרן פון די זיסע רייד פון זיין נייעם באַקאַנטן און האָט געענט־פערט:

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן נעם איך אָן צו פאַר־ברענגען אַ פּאָר שעה אין שאָטן פון דיינע ווענט.

ביי זיך אין האַרצן האָט סאַקי געטראַכט:

— מאָרגן, מיין גרויסער חכם, וועסטו שוין זיצן ביי מיר אין שטייג, און די זילבערנע מטבעות וועלן שטראָמען צו מיר אין קעשענע אַריין, און עס וועט נעמען אַ סוף צו מיין אָרעמקייט און נויט.

מיט אַ פריילעך האַרץ איז סאַקי נאָכגעגאַנגען זיין נייעם באַקאַנטן, אָבער ווי נאָר ער האָט איבערגע־טראָטן די שוועל פון דעם הויז, זיינען אויף אים אָנ־געפאַלן עטלעכע מענטשן, אַלע אין־אויגיקע, עס האָבן זיך דערהערט געשרייען, און אַלע האָבן גע־טייטלט אויף אים מיט די פינגער:

— זעט נאָר, זעט! וואָס פאַר אַ מאָדנע באַשע־פעניש! צוויי אויגן! פון וואַנען האָט ער זיך גענומען?

— איך וועל אייך באַלד דערציילן, — האָט זיך אָפּגערופן סאַקיס נייער באַקאַנטער, — אָבער פריער פון אַלץ ברענגט אַהער שטריק און בינדט אים!

סאַקי האָט נאָך ניט באַוויזן אויפצועפענען דאָס מויל, איז ער שוין געלעגן אַ געבונדענער אויף דער ערד. זיין אין־אויגיקער באַלעבאָס האָט זיך גע־ווענדט צו זיינע מענטשן:

— און איצט, מיינע פריינד, לאָמיר זיך פרייען, ווייל ס'איז געקומען אַ סוף צו אונדזער אָרעמקייט און נויט. מיר וועלן אַריינזעצן די דאָזיקע מאָדנע צוויי־אויגיקע באַשעפעניש אין אַ גרויסער שטייג און די אויסשטעלן פאַר מענטשן. ווער עס וועט אים ווע־לן אָנקוקן, וועט אונדז באַצאָלן.

געערדט און געטאָן. אונדזער פּוילער סאַקי איז באַלד געזעסן אין אַ שטייג אונטער שלאָס און ריגל. פון אַלע זייטן האָבן זיך געצויגן איין-איינציקע מענטשן אָנצוקוקן די צוויי-איינציקע באַשעפעניש. יעדער איינער האָט באַצאָלט דעם באַלעבאָס פון דער שטייג, און די זילבערנע מטבעות האָבן געקלונגען ביי אים אין קעשענע.

יאָ, אונדזער סאַקי האָט געגראָבן אַ גרוב פּאַר יענעם און איז אַליין אַריינגעפאַלן אין אים.

פינף בלינדע און דריי טויבע

פ י נ ף   ב ל י נ ד ע

פינף בלינדע אָרעמעלייט, אָנהאַלטנדיק זיך ביי די הענט, זיינען צוזאַמען געגאַנגען דורך אַ געדיכטן וואַלד. האָט זיך פּאַר זיי אַוועקגעלייגט אין וועג ווייער אַ גרויסער העלפאַנט, און זיי האָבן וועגן דעם נישט געוואוסט. זיינען זיי געשטרויכלט געוואָרן און אָנגעהויבן טאַפּן און זוכן אַרום זיך, כדי צו וויסן, וואָס אַזעלכעס איז זיי געלעגן אין וועג.

האָט איינער אָנגעכאַפּט אַן אויער פון העלפאַנט, ער האָט עס געקוועטשט און געריבן — עס איז ווייך, עס לאָזט זיך איינבייגן און אויסציען אין זיין האַנט, אַזוי ווי אַ שמאַטע; האָט ער אויסגערופן און געזאָגט:

— ברידער, דאָס זיינען שמאַטעס, וואָס ליגן פּאַר אונדז! אַ באַרג מיט אַלטע שמאַטעס!

דער צווייטער האָט אַ טאַפּ געטאָן און אָנגערירט דעם בויך, האָט ער אויסגעשריגן אויף אַ קול:

— אַ באַרג, אַ הויכער באַרג!

האָט דער דריטער איך אַ טאַפּ געטאָן און אָנגע-
כאַפּט דעם עק. באַלד האָט ער אַ רוף געטאָן און
געלאָזט וויסן:

— אַ גראָבער שטריק! מיר זיינען געשטרויכלט
געוואָרן פון אַ שטריק!

דער פערטער האָט אָנגעטאַפּט אַ פוס, האָט ער
אַ כאַפּ געטאָן און אויסגעשריגן:

— אַ קלאָץ. אַ שווערע און גראָבע קלאָץ!

דער פינפטער האָט אָנגעכאַפּט די בייגעדיקע
ציינער, וואָס זיינען אים געקומען אין די הענט אַריין,
און מיט אַלע כוחות בייז געשריגן:

— ליגנערס! פּעלזיקע שווערדן האָבן אונדז גע-
טראָפן! שאַרפע שווערדן פון בײדע זייטן.

אַזוי האָבן די בלינדע לייט געשריגן און זיך צע-
קריגט. נאָך אַ ביסל וואָלט געקומען צו אַ געשלעג.
יעדער האָט געהאַלטן אַ טייל פון העלפאַנט אין בײ-
דע הענט און יעדער האָט געהאַלטן, אַז דער צווײ-
טער איז אַ ליגנער און אַ פאַרפירער. איז דורכגעגאַנ-
גען אַ קלוגער מענטש און זיך צוגעהערט צו דער
קריגעריי. האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און
געזאָגט:

— אוי, איר בלינדע, בלינדע מענטשן! וואָלט איר
געהאַט אויגן צו זען, וואָס עס ליגט דאָ אויסגעשפּרייט
פאַר אייך, וואָלט איר געוואוסט, אַז איר אַלע זענט זיך
טועה. וואָרעם יעדער פון אייך מיינט, אַז ער ווייסט,
וואָס ער האַלט אין זיין האַנט. אין דער אמתן אָבער
ליגט דאָ פאַר אייך נישט קיין באַרג, ניט קיין קלאָץ,
ניט קיין שמאַטעס, ניט קיין גראָבער שטריק און ניט
קיין שווערדן.

— וואָס זשע דען ליגט עס דאָ פאַר אונדז? —
האָבן די בלינדע מיט איין קול געפרעגט און פאַר-
וואונדערטע געוואָלט וויסן.

— אַ העלפאַנט, — האָט דער קלוגער געענט-
פערט, — איר הערט? אַ העלפאַנט!

צווײ טויבע פּאָסטעכער האָבן געפּיטערט ווײַטערע שאָף אין פעלד אײנער לעבן צווייטן. איז בײַ אײנעם אײַנגעגאַנגען דאָס ברויט פון רענצל. האָט זיך דער דאָזיקער פּאַסטעך געלאָזט אין שטאָט אַרײַן צו ברענגען פאַר זיך שפּײַז און די שאָף האָט ער איבערגעלאָזט בײַ זײַן פרײַנד. ווען דער פּאַסטעך איז צוריקגעקומען פון שטאָט און געזען, אַז די שאָף זײַנען אין אָרדענונג, האָט ער אויסגעקליבן פון דער סטאַדע אַן ערשט-געבוירן הינקעדיק שעפּסלע און עס צוגעטראָגן צו זײַן פרײַנד און געזאָגט:

— אָט איז, פרײַנד מײַנער, אַ מתּנה ווי אַ דאַנק פאַר דעם, וואָס דו האָסט פאַר מיר געהיט מײַנע שאָף ביז מײַן צוריקקומען.

אָבער דער צווייטער פּאַסטעך האָט נישט געהערט די ווערטער פון זײַן פרײַנד און געזאָגט צו זיך אין האַרצן: נישט אַנדערש, ווי ער איז געקומען מיט אַ טענה צו מיר צוליב זײַן לאָם שעפּסעלע. דעריבער האָט ער אים געענטפערט און געזאָגט:

— לאָמיר בײדע אַזוי געזונט זײַן, ברודער, אַז איך האָב דעם שעפּסעלע קיין שלעכטס ניט געטאָן. ניט איך האָב עס געזען, ניט איך האָב-עס געקענט.

דער ערשטער פּאַסטעך אָבער האָט אויך נישט געהערט דעם ענטפער פון זײַן פרײַנד, האָט ער אין האַרצן געזאָגט: נישט אַנדערש נאָר דאָס געשאַנק איז צו קלײן אין די אויגן פון מײַן פרײַנד. דעריבער האָט ער אים פּרובירט איבערצורײדן און אים געבעטן:

— איך ווײס, אַז די מתּנה איז קלײן, ברודער; אָבער אויך דײַן באַמיאונג איז ניט געווען צו גרויס. וואָרף נישט אַפּ אַ מתּנה פון אַ פרײַנד.

האָט אָבער דער צווייטער טויבער אויך דאָס מאָל נישט געהערט און האָט זיך אָפּגערופן און געזאָגט:

— וואָס האָסטו צו מיר, וואָס דו קומסט צו מיר מיט טענות און דו פאַלסט אויף מיך אָן? איך האָב נישט געזען דאָס שעפּעלע, ניט געוואוסט און ניט געהערט. גיי אַוועק פון מיר, מאַך מיך ניט בייז!

דער ערשטער פאַסטעך אָבער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט און ווייטער צו אים געזאָגט:

— דו האָסט דאָך אַ ברייט האַרץ, ברודערל. איך בין אויך אַן אָרעמער מענטש און איך קאָן דיר ניט געבן מער.

אַזוי האָבן זיך געקריגט ביידע טויבע פאַסטעכער, און קיינער האָט ניט געהערט דעם צווייטן.

און אַזוי ווי זיי האָבן זיך געקריגט און געזידלט, האָט אַ ציגיינער דורכגעלאָפן אויף אַ פערד פאַר זיי אין פעלד. זיינען די טויבע צוגעלאָפן, ביידע אָנגעכאַפּט דעם צוים פון פערד און אים פאַרהאַלטן און זיך אָפּגערופן צום ציגיינער:

— הער, מיר באַשווערן דיך, זאָלסט פון דאַנען ניט אַוועק, ביז דו וועסט ניט משפטן צווישן אונדז.

און ביידע פאַסטעכער האָבן אויסגעלייגט זייערע טענות פאַר דעם ציגיינער, יעדער לויט זיין שטייגער. איינער שרייט און טענהט: „איך האָב ניט געזען, ניט געוואוסט און נישט געהערט". און דער צווייטער פאַרברעכט די הענט און בעט זיך: „איך בין אַן אָרעמער מאַן און איך קאָן נישט געבן מער".

דער ציגיינער אָבער איז אויך געווען אַ טויבער, און דאָס פערד, וואָס איז געווען מיט אים, האָט ער צוגענומען. האָט ער זיך אין האַרצן געזאָגט: ניט אַנדערש נאָר די, צו וועלכע דאָס פערד געהערט, האָבן מיך געכאַפּט. האָט ער געציטערט ווי אַ בלאַט און געזאָגט:

— מיינע הערן, אויב דאָס איז אייער פערד, גיב איך עס אייך צוריק, נעמט עס!

אין דעם מאָמענט איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד, אויפגעהויבן די פיס און אַוועק אין פעלד.

דער בייל

א.

אַמאָל, אַמאָל, מיט אַ סך יאָרן צוריק, האָט אין אַ יאַפּאַנישן דאָרף געוווינט אַן אָרעמער האָלצהעקער. געהיסן האָט ער קיקי.

דער האָלצהעקער האָט געהאַט אַ גרויסן בייל אויף דער רעכטער באַק. ער האָט זיך מיטן בייל ניט געשעמט, ווי ער האָט זיך נישט געשעמט מיט די מאָזאָליעס אויף זיינע הענט און מיט דער האַק, וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן מיט זיך.

אָבער נישט אַלע מענטשן פֿון זיין דאָרף האָבן אַזוי געטראַכט. אַ סך מענטשן האָבן געזוכט אַ האָלצ-העקער אָן אַ בייל.

דאָס האָט קיקין זייער פֿאַרדראָסן. עס האָט אים שטאַרק וויי געטאָן, וואָס די מענטשן פֿאַרשטייען נישט, אַז דאָס האָט אים גאָט געגעבן אַ בייל אויף דער באַק, פּונקט ווי גאָט גיט איינעם אַ גראָבן בויך אָדער אַ לאַנגע נאָז.

ב.

איין מאָל, אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן, איז קיקי אַוועק אין די בערג האַקן האָלץ. פּלוצעם איז געוואָרן אַ גרויסער שטורעמווינט. דער ווינט האָט געריסן די בלעטער פֿון די ביימער, געבראָכן די צווייגן, געהויבן הויפֿנס זאַמד. און פֿינצטערע וואָלקנס האָבן צוגע-דעקט דעם גאַנצן הימל.

האַקן האָלץ האָט קיקי שוין נישט געקאָנט. ער

האָט אָפּגעזוכט אַ בוים מיט אַ לאָך און זיך דאָרטן באַהאַלטן.

דער ווינט ווערט שטאַרקער און ווילדער. קיקי שטייט אין אויסגעהוילטן בוים און וואַרט, ביז דער שטורעם וועט אויפהערן. ער האָט געוואַרט און גע-וואַרט, ביז די זון איז פאַרגאַנגען. ס'איז געוואָרן פינצ-טער אַרום און אַרום. קיקי האָט שוין נישט געקאָנט אַהיימגיין, ער איז געבליבן אין זיין באַהעלטעניש און געוואַרט, ביז ס'וועט ווערן טאָג. אַז ער איז מיד געוואָרן, האָט ער זיך אויסגעצויגן און איז איינגע-שלאָפן.

ג.

שפּעט ביינאַכט דערהערט קיקי אַ שטאַרקן קלאַפּ. אַ דערשראָקענער כאַפּט ער זיך אויף, קוקט זיך גוט אַרום און ווערט אַ פאַרציטערטער. ער האָט דערזען אַרום זיך פאַרשידענע פיגורן מיט מאָדנע פּנימער. און אַ גרויס פייער פלאַקערט אַרום זיי.

פּלוצעם האָבן אַלע פיגורן אָנגעהויבן טאַנצן, זיך לוסטיק מאַכן און זינגען. אָפּגעטאַנצט, האָבן זיי גע-מאַכט אַ גרויסע סעודה. די געטראַנקען און די גע-שמאַקע עסנס האָבן דעם הונגעריקן קיקין זייער געשמעקט. ער האָט אויפגעהערט זיך שרעקן.

הונגעריק איז ער דאָך געווען, מוזיק האָט ער ליב געהאַט, און אַ טענצער איז ער געווען פון די בעסטע, האָט ער זיך פאַמעלעך אַרויסגערוקט פון בוים, שטיל צוגעגאַנגען צו די טענצער און זיך אויסגעמישט מיט זיי.

די טענצער האָבן זיך אָנגעהויבן וואונדערן: ווי קומט צו זיי אַזאַ מאָדנע באַשעפעניש? נאָר אַז זיי האָבן דערזען, ווי שיין דער נייער טענצער באַוועגט זיך צו די טענער פון דער מוזיק, האָבן זיי זיך אַלע אָפּגערוקט און שטאַרק באַוואונדערט קיקיס טאַנצן.

אזוי איז אַריבער די גאַנצע נאַכט. אַז עס איז גע־
וואָרן טאָג, האָבן אַלע געזאָגט צו קיקין.

— עס איז געקומען די צייט, מיר מוזן זיך צע־
שיידן. מיר מוזן זיך געזעגענען. דיין טאַנצן איז וואונ־
דערלעך. דו האָסט אונדז פאַרשאַפט א סך, גאַר אַ
סך פאַרגעניגן. קום די קומענדיקע נאַכט ווידער צו
אונדז. מיר וועלן ווידער דאָ זיין, מיר וועלן ווידער
עסן, טרינקען און טאַנצן.

— גוט, — האָט געזאָגט קיקי, — איך וועל קומען.
פּלוצעם האָט איינער פון די פאַרזאַמלטע דער־
זען אויף קיקיס באַק דעם בייל און ער האָט זיך אָפּ־
גערופן:

— זעט נאָר, וואָס פאַר אַ שיינע זאַך אונדזער טענ־
צער האָט אויף זיין באַק. לאָמיר עס צונעמען פון
אים, זאָל עס בלייבן ליגן ביי אונדז, צו זיין זיכער, אַז
ער וועט צוריקקומען.

— גוט, — האָבן אַלע צוגעשטימט. איינער פון זיי
האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און מיט איין ריר
האָט ער אַראָפּגענומען דעם בייל פון קיקיס פּנים.

קיקי האָט דערשפּירט, ווי אים איז לייכטער און
גרינגער געוואָרן. ער האָט אָפּגעאָטעמט און געווען
זייער צופרידן.

עס איז געוואָרן גרויסער טאָג. קיקי האָט זיך אויפ־
געכאַפּט פון זיין שלאָף, ער איז געשטאַנען לעבן אויס־
געהוילטן בוים. קיינער איז אַרום אים נישטאָ. ער גיט
אַ טאַפּ זיין פּנים — דער בייל איז נישטאָ. אַ פריי־
לעכער לאָזט ער זיך גיין אַהיים.

אַז זיין ווייב האָט אים דערזען אָן דעם בייל אויפן
פּנים, האָט זי זיך זייער געפרייט. קיקי האָט איר
דערציילט, וואָס מיט אים איז געשען, וואָס ער האָט
איבערגעלעבט. די פרייד ביי קיקין מיט זיין ווייב
איז געווען זייער גרויס.

ניש ווייט פון קיקין האָט געוואוינט אַן אַל-טיטשקער, וואָס האָט אויך געהאַט אַ בייל אויף זיין רעכטער באַק. ווען דער אַלטער האָט געהערט, אַז קיקי האָט שוין נישט דעם בייל אויף זיין פּנים, האָט ער געוואָלט וויסן, ווי אַזוי דאָס איז געשען.

קיקי האָט אים אַלץ דערציילט: ווי אַזוי ער איז געגאַנגען אין וואַלד האַקן האָלץ, און ווי עס איז אויס-געבראָכן אַ שטורעמווינט, און וואָס עס איז פאָרגע-קומען יענע נאַכט, און אַז איינער פון די מאָדנע פּי-נורן האָט אַראָפּגענומען דעם בייל פון זיין פּנים.

אַז דער אַלטער האָט דאָס דערהערט, האָט ער באַשלאָסן, אַז ווי נאָר ס'וועט ווערן נאַכט, וועט ער טאָן, וואָס קיקי האָט געטאָן, און געוויס וועט מען אויך זיין בייל אַרונטערנעמען.

אַז ס'איז געוואָרן נאַכט, איז דער אַלטיטשקער אַוועק צום אויסגעהוילטן בוים, וואו קיקי איז אַ נאַכט פריער געשטאַנען. מיט אומגעדולד האָט ער זיך אָנגעשטעלט וואַרטן. פּלוצעם דערזעט ער אַ פייער, אַרום פייער דרייען זיך און שפּרינגען מאָדנע באַשעפענישן, זיי זינגען און טאַנצן לויט די קלאַנגען פון מוזיק. שטיל און פּאַמעלעך איז דער אַלטיטשקער אַרויס פון בוים, זיך צוגעשאַרט צו די טענצער, אַריין צווישן זיי און אָנגעהויבן טאַנצן מיט זיי.

אָבער אָך און ווי, נישט קיין טאַנצן איז דאָס גע-ווען, נאָר עפּעס אַ פּאַרקרומעניש. נישט קיין פיס האָט ער געהויבן, נאָר גראָבע קלעצער. ער אַליין האָט אויסגעזען ווי אַ ליידיקע פאַס. יעדע ווײַלע האָט ער זיך אויסגעגליטשט און געפאַלן.

די טענצער האָבן געקוקט, נישט געגלייבט זייע-רע אויגן: איז דאָס דער געכטיקער טענצער? ווי קאָן דאָס זיין? ווייזט אויס, אַז ער האָט גאָר קיין מאָל נישט געקאָנט טאַנצן. זעט נאָר, ווי ער שלעפּט זיינע

פיס, ווי ער קײַקלט זיך! — וואַרפט אים אַרויס! — האָבן אַלע געשריגן, — וואַרפט אים אַרויס, אָבער לאָמיר אים אָפּגעבן, וואָס ער האָט ביי אונדז נעכטן געלאָזן.

אין דער מינוט האָט אײנער אַ וואָרף געטאָן קי־קיס בייל, און ער איז געפאַלן אויף דעם אַלטנס לינ־קער באַק. פון גרויס שרעק איז דער אַלטער נעבעך געפאַלן. אַז ער האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט ער געהאַט צוויי ביילן אויף זיינע בײדע באַקן.

זײער טרויעריק איז ער געלאָפן אַהײם. ווען זײַן ווײַב האָט אים דערזען מיט בײדע ביילן, האָבן זײ זיך בײדע שטאַרק צעוויינט.

פון דעמאָלט אָן האָט דער אַלטער אָנגעזאָגט זײַ־נע קינדער און זײַנע פרײַנד, אַז מען טאָר קײן מאָל קײנעם נישט מקנא זײַן.

אַ מעשה מיט אַ טרעגער

אַמאָל איז געווען אַ טרעגער — פון אין דער פרי ביז אויף דער נאַכט פלעגט ער אָפּשטיין אין מאַרק און וואַרטן צו קריגן אַרבעט. דערמיט האָט ער זיך דערנערט.

אײן מאָל איז ער אַרויסגעגאַנגען אין דער פרי, ווי זײַן שטייגער איז, די שטריק אויף די אַקסל. עס איז שוין אַדורך דער פרימאָרגן, עס איז שוין באַלד מי־טאָג־צייט, עס איז שוין נאָך מיטאָג, די זון האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן צו מערב־זייט — און ער האָט נאָך גאָרנישט פאַרדינט.

און אַז דער הונגער האָט אים אָנגעהויבן צו מאַ־טערן, האָט ער אָפּגעזוכט אַ שטיין, זיך אַוועקגע־זעצט און אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין.

ווינט ער אזוי, ווינט און ווינט. זעט ער דורך די פולע אויגן מיט טרערן עפעס גלאַנצן אין זאַמד. בייגט ער זיך אַראָפּ און הייבט אויף אַ מטבע — אַ געלע, נייע, גלאַנציקע מטבע.

האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט — אַ קליינע מטבע, אָבער מען קען עפּעס קויפן פאַר איר און שטילן דעם הונגער. נאָט האָט זיך דערבאַרעמט, זיי־נע טרערן פאַרנומען און אים געשיקט אַ דערנערונג צו דערהאַלטן דאָס לעבן.

האַלט ער אַזוי די מטבע אין איין האַנט און גלעט זי מיט דער צווייטער האַנט. און האָט הנאה פון דעם גלאַנץ — ריינער גין־גאָלד! און קלערט:—וואָס קען מען עפּעס קויפן פאַר דעם?

געקלערט און געקלערט, ביז ער האָט אויסגע־קלערט: ער וועט קויפן באָב.

איינגעקויפט דעם באָב — צוויי פולע הייפנס.

קלערט ער ביי זיך: אין מאַרק איז נישט גוט צו עסן. אויגן קוקן, זיינען מקנא און פאַרגינען נישט.

גייט ער אַרויס הינטערן שטאָט, באַגעגנט ער אַ ברונעם. לעבן ברונעם אַ צעצווייגטער בוים. זעצט ער זיך אַוועק אונטערן בוים און הייבט אָן עסן דעם באָב. לאַנגזאַם, איינציקווייז, מיט גרויס הנאה — אַ באָב נאָך אַ באָב.

און אָט אַזוי עסנדיק גליטשט זיך אים אַרויס אַ באָב פון האַנט און פאַלט אַריין אין ברונעם.

טוט אים ווי דאָס האַרץ פאַר דעם קערנדל באָב, וואָס איז אים פאַרלוירן געגאַנגען. און ער צעוויינט זיך אין ברונעם אַריין מיט אַ ביטער געוויין:

— בעבעלע, באָב, בעבל! בעבל, באָב, בעבעלע!

אזוי וויינענדיק הערט ער אַ קול פון ברונעם אַרויס:

— וואָס איז דיין קלאָג און וואָס באַטייט דיין גע־וויין?

ענטפערט דער טרענער:

— ווי אַזוי זאָל איך נישט קלאָגן, און ווי אַזוי זאָל

איך נישט וויינען, אַז מײַן אײנציקע שפּײַז, דאָס בע-בעלע, איז מיר פאַרלוירן געגאַנגען?

ענטפערט דאָס קול פון ברונעם אַרויס:

— דו זאָלסט נישט וויינען און דו זאָלסט נישט קלאָגן. אַט האָסטו אַ שיסעלע, און ווען דו וועסט ווערן הונגעריק, זאָלסטו דאָס שיסעלע אַ דריי טאָן דריי מאָל און זאָגן: „שיסעלע, שיסעלע, איך וויל פלייש אַ שטיקעלע און רייז אַ ביסעלע". וועט עס באַלד פול ווערן מיט רייז און פלייש. וועסטו האָבן גענוג צום עסן און אַן אָרעמאַן צו געבן, ער זאָל זאַט ווערן.

האָט דער טרעגער גענומען דאָס שיסעלע, האָט עס דריי מאָל אַ דריי געטאָן און געזאָגט:

— שיסעלע, שיסעלע, איך וויל פלייש אַ שטיקע-לע און רייז אַ ביסעלע.

און באַלד האָט זיך דאָס שיסעלע גענומען אָנ-פילן און איז פול געוואָרן איבערן ראַנד. האָט ער גע-געסן, זאַט געוואָרן, און אים איז נאָך איבערגעבליבן פאַר אַ דורכגייער.

איז אים דאָס שיסעלע שטאַרק באַליבט געוואָרן און ער האָט זיך פון אים אַ מינוט נישט געקענט שיידן. האָט ער דורכגעבויערט אַ לעכל ביים ראַנד, געצויגן אַ שנירל, און צוגעבונדן צום גאַרטל.

און אַזוי איז ער ביטאָג אין גאַס געגאַנגען, ביי-נאַכט געשלאָפן אויפן געלעגער און דאָס שיסעלע ביי דער זייט.

איין מאָל פאַלט אים איין — ער וועט גיין אין באָד אַרײַן. אַ מענטש, וואָס איז שטענדיק זאַט און צו-פרידן, פאַרוואָס זאָל ער זיך נישט פאַרגינען אַ ביסל פאַרגעניגן?

געקומען אין באָד, זיך אויסגעטאָן און אוועקגע-געבן דעם בעדער די קליידער און אָנגעזאָגט, ער זאָל אויף אַלעם אַכטונג געבן. און דער עיקר האָט ער

אים אָנגעזאָגט װעגן דעם שיסעלע, אים זאָל חלילה נישט אַרויפקומען איפן געדאַנק צו דרייען דאָס שי־סעלע און זאָגן:

שיסעלע, שיסעלע, גיב מיר רייז אַ ביסעלע!

דער טרעגער איז אַריין אין באָד. קלערט דער בע־דער: „װאָס זאָל דאָס זיין פאַר אַ שיסעלע, װאָס ער האָט מיר אַזוי פיל װעגן דעם אָנגעזאָגט און פאַר־זאָגט?" נעמט ער דאָס שיסעלע אין האַנט, דרייט עס אַהין און אַהער, און װי ער האָט נאָר אויסגערעדט:

שיסעלע, שיסעלע, גיב מיר רייז אַ ביסעלע! —

האָט זיך דאָס שיסעלע אָנגעהויבן אָנפילן מיט רייז און פלייש ביז איבער די ראַנדן. האָט דער בעדער געגעסן, זאַט געװאָרן און איבערגעלאָזן.

איז דעם בעדער געװאָרן אַ שאָד זיך צו שיידן מיט דעם שיסעלע. איז ער אַװעק אַהיים, גענומען אַן אַנדער שיסעלע פונקט אַזאַ װי דעם טרעגערס, דורכגעבריערט אַ לעכעלע ביים ראַנד, אַדורכגעצויגן אַ פאָדעם און האָט עס אַװעקגעלייגט לעבן דעם טרע־גערס קליידער.

געענדיקט מיט דער באָד, האָט זיך דער טרעגער אָנגעטאָן, צוגעבונדן דאָס שיסעלע צום גאַרטל און איז אַװעק אַהיים.

געקומען אַהיים אַ הונגעריקער — אַ גוטע באָד געװען — בינדט ער אָפּ דאָס שיסעלע, דרייט עס דריי מאָל און זאָגט:

— שיסעלע, שיסעלע, פלייש אַ שטיקעלע, רייז אַביסעלע!

ערשט דאָס שיסעלע איז ליידיק. נאָך אַ מאָל — און דאָס שיסעלע איז װידער ליידיק.

איז דער הונגער געװאַקסן, אַז דאָס האַרץ פאַלט אַדרים.

איז ער אַװעק הינטערן שטאָט, געקומען צום ברונעם, אַװעקגעזעצט זיך אונטערן בוים און זיך ביטער צעװיינט:

בעבל, באָב, בעבעלע!...

און יעדע טרעך, ווי אַ באָב די גרויס, פאַלט אין ברונעם אַריין.

— וואָס איז דיין קלאָג, און וואָס איז דיין געוויין? — פרעגט דאָס קול פון ברונעם.

ענטפערט דער טרעגער:

— ווי אַזוי זאָל איך נישט וויינען און ווי אַזוי זאָל איך נישט קלאָגן, אַז דאָס שיסעלע גיט נישט מער קיין רייז און קיין פליש, און איך בין הונגעריק?

זאָגט דאָס קול פון ברונעם אַרויס:

— וויין נישט און קלאָג נישט. אָט האָסטו אַן אייזל, און ווען דו וועסט ווערן הונגעריק, זאָלסטו אים אָננעמען ביים עק, דרייען דריי מאָל און זאָגן:

— אייזל — לאַנד, לענדעלע, גיב זשע מיר אַ רענדעלע. —

וועט ער אָנהייבן וואַרפן מיט רענדלעך. וועסטו נעמען די רענדלעך און קויפן זיך עסן.

גענומען דעם אייזל און אַ דריי געטאָן ביים עק, ווי דאָס קול פון ברונעם אַרויס האָט אים געהייסן, און דאָס אייזל האָט אָנגעהויבן שיטן מיט רענדלעך.

איז דער טרעגער אַוועק אין מאַרק און האָט געקויפט עסן פון אַלץ, וואָס זיין האַרץ האָט געגלוסט, געגעסן און זאַט געוואָרן.

ווידער האָט זיך אים פאַרגלוסט גיין אַ ביסל אין באָד אַריין — אַז מען איז זאַט, ווילט זיך פאַרגעניגן...

געקומען אין באָד, זיך אויסגעטאָן און איבערגעגעבן דעם בעדער די זאַכן מיט דעם אייזל. אָנגעזאָגט און פאַרזאָגט, ער זאָל אַלץ אָפּהיטן, און דער עיקר דעם אייזל. און עס זאָל אים גאָר נישט איינפאַלן אַ דריי טאָן ביים עק און זאָגן:

אייזעלע, לאַנד, לענדעלע, גיב מיר אַ רענדעלע.

דער טרעגער אין באָד, און דער בעדער קלערט:

וואָס איז דאָס פּאַר אַן אייזל, וואָס ער האָט וועגן אים אַזוי פיל אָנגעזאָגט און פאַרזאָגט?

נעמט ער אים אַן ביים עק, און ווי ער האָט נאָר אַרויסגערעדט:

אייזעלע, לאַנד, לענדעלע, גיב מיר אַ רענדעלע.

האָט דער אייזל אָנגעהויבן שיטן מיט רענדלעך.

איז דער אייזל ביים בעדער שטאַרק טייער געוואָרן. האָט ער אים אַוועקגעפירט אַהיים און האָט געבראַכט אַן אַנדערן אויף זיין אָרט.

געענדיקט מיט דער באָד, האָט דער טרעגער זיך אָנגעטאָן, זיך געזעצט אויפן אייזל און געריטן אַהיים. געקומען אַ היים שטאַרק הונגעריק, נעמט ער אַן דעם אייזל ביים עק און זאָגט:

— אייזעלע, לאַנד, לענדעלע, גיב זשע מיר אַ רענדעלע. —

געהדייט, געדרייט און קיין רענדלעך זיינען נישטאָ.

דערהייל איז דער הונגער שטאַרקער געוואָרן, איז ער אַוועק אויסערן שטאָט, און געקומען ביזן ברונעם, זיך געזעצט אונטערן בוים און זיך ביטער צעוויינט:

בעבעלע, באָב, בעבל, בעבל, באָב, בעבעלע...

און יעדע טרער, ווי אַ באָב די גרויס, פאַלט אין ברונעם אַריין.

פרעגט דאָס קול פון ברונעם אַרויס:

— וואָס איז דיין קלאָג, און וואָס איז דיין געוויין?

ענטפערט דער טרעגער:

— ווי אַזוי זאָל איך נישט וויינען און ווי אַזוי זאָל איך נישט קלאָגן, אַז דער אייזל האָט אויפגעהערט צו געבן רענדלעך און איך בין הונגעריק?

זאָגט דאָס קול פון ברונעם אַרויס:

— זאָרג נישט. אָט האָסטו אַ בייטש און אַז דו וועסט זי אַ דריי טאָן איבערן קאָפּ און זאָגן: וואַרף,

וואַרף! — וועט זי וואַרפן. און אַז דו וועסט זאָגן: גענוג, הער אויף! — וועט זי אויפהערן.

איז דער טרעגער געקומען אַהיים, גענומען די בייטש אין האַנט, הדריי מאָל געהדייט, און געזאָגט:

— וואַרף, וואַרף!

ערשט די בייטש האָט אָנגעהויבן פליען און טאַנצן איבער אים פון אַלע זייטן, וואו זי האָט נאָר פאַרכאַפּט.

האָט דער טרעגער אָנגעהויבן שרייען:

— גענוג, הער אויף!

געקומען אין באָד, זיך אויסגעטאָן, ווי עס פירט זיך. איבערגעגעבן דעם בעדער די קליידער, אָנגעזאָגט, ער זאָל אַלץ היטן, דער עיקר אים פאַרזאָגט אויף דער בייטש, עס זאָל אים חלילה ניט איינפאַלן צו זאָגן:

— וואַרף, בייטשעלע, וואַרף.

דער טרעגער אין באָד, און דער בעדער נעמט די בייטש אין האַנט און קלערט: וואָס איז דאָס פאַר אַ בייטש, וואָס ער האָט מיך וועגן איר אַזוי פיל אָנגעזאָגט און פאַרזאָגט? אַ הדריי געטאָן אַהין און אַהער, און ווי ער האָט נאָר אַרויסגערעדט: „וואַרף, בייטשעלע, וואַרף"... האָט דאָס בייטשעלע אָנגעהויבן פליען און טאַנצן איבער אים פון אַלע זייטן — איבערן קאָפּ, איבערן פּנים, און איבער די אויגן.

שרייט דער בעדער און וויינט, און די בייטש הערט נישט אויף צו שלאָגן.

אויף זיינע קולות זיינען אָנגעלאָפן שכנים און מענטשן פון גאַס, און קיינער ווייסט ניט ווי אַזוי אָפּצושטעלן די בייטש.

אינעווייניק, אין באָד, הערט דער טרעגער דעם בעדערס קולות, וואַשט זיך, טוט זיך אָן פאַרגעניגן און שמעלצט זיך פון נחת.

קלאַפּט דער בעדער צום טרעגער אין טיר אַריין

און בעט, ער זאָל רחמנות האָבן אויף זיין לעבן. און דער טרעגער ענטפערט נישט און צעגייט פאַר פרייד. האָבן אָנגעהויבן שכנים און מענטשן פון גאַס בעטן דעם טרעגער, ער זאָל אָפּשטעלן די בייטש. זאָגט דער טרעגער: איך וועל אויף אים קיין רחמנות נישט האָבן, ביז ער וועט מיר נישט ברענגען דאָס שיסעלע מיט דעם אייזל.

איז מען אַוועקגעלאָפן צום בעדער אַהיים און גע־בראַכט דאָס שיסעלע מיט דעם אייזל.

האָט דער טרעגער געזאָגט:

— גענוג, בייטש, הער אויף, בייטשעלע.

דערנאָך האָט דער טרעגער גענומען די בייטש אין האַנט, דאָס שעסעלע צום גאַרטל, זיך געזעצט אויפן אייזל, און זיך געלאָזט רייטן אַהיים — אַ צו־פרידענער, אַ גליקלעכער.

נערעכטיקייט

אַמאָל האָט געלעבט אַן אַלמנה, האָט זי געהאַט אַ קליינינקן זון. אַ שיינער און גוטער איז ער געווען, און די מענטשן האָבן אים זייער ליב געהאַט. איין מאָל האָט ער געזאָגט צו דער מוטער:

— מאַמע, אַלע קינדער האָבן באָבעס, נאָר איך האָב ניט קיין באָבע.

— איך וועל דיר שוין אויסזוכן אַ באָבע, — האָט אים די מוטער געטרייסט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז פאַר זייער שטוב גע־שטאַנען אַן אַלטיטשקע, וואָס האָט אויסגעזען זייער אָרעם און שוואַך.

אַז דאָס יינגעלע האָט דערזען די אַלטע, האָט ער געזאָגט צו איר:

— דו וועסט זיין מיין באָבע.

דערנאָך איז ער אַוועק צו זיין מוטער און האָט איר געזאָגט:

— פֿאַר אונדזער שטוב שטייט אַן אָרעמע אַל־טיטשקע, איך וויל זי נעמען אין שטוב, און זי וועט זיין מיין באָבע.

דער מוטער איז שטאַרק געפֿעלן געוואָרן דעם ייִנגס רייד, איז זי אַרויסגעגאַנגען און האָט די אַלטע גענו־מען אין שטוב אַריין. די אַלטיטשקע איז געווען שטאַרק שמוציק, און ווערעם זיינען אויף איר אַרומ־געקראָכן. האָט דאָס ייִנגל געזאָגט צו זיין מוטער:

— לאָמיר אָפּוואַשן און אויסדייניקן די באָבע פֿון איר שמוץ.

האָבן די מוטער און דאָס ייִנגל געוואַשן די אַל־טיטשקע, אַראָפּגענומען פֿון איר די ווערעם און זיי אַריינגעוואָרפֿן אין אַ טאָפּ. האָט די אַלטיטשקע צו זיי געזאָגט:

— וואַרפֿט ניט אַוועק די ווערעם, נאָר איר זאָלט זיי באַגראָבן אין דער ערד אין גאָרטן. און אַז עס וועט אַראָפּ אויף דער ערד דער מבול, זאָלט איר דע־מאָלט אַרויסגראָבן דעם טאָפּ מיט די ווערעם.

— און ווען וועט קומען דער מבול? — האָט דאָס ייִנגל געפֿרעגט.

האָט די אַלטיטשקע געענטפֿערט:

— ווען די אויגן פֿון די צוויי שטיינערנע לייבן, וואָס שטייען אין שטאָטישן גאָרטן, וועלן רויט ווערן — דעמאָלט וועט קומען דער מבול.

איז דאָס ייִנגל אַוועקגעלאָפֿן צו די שטיינערנע לייבן; נאָר די אויגן זייערע זיינען נאָך ניט רויט גע־ווען. שפּעטער האָט די אַלטיטשקע געזאָגט צום ייִנגל:

— מאַך דיר אַ קליין הילצערן שיפֿעלע און באַ־האַלט עס אין קאַסטן.

האָט דאָס ייִנגל געטאָן, ווי די אַלטיטשקע האָט

אים געזאָגט. און יעדן טאָג איז ער געלאָפֿן צו די שטיינדלעך ליבן צו זען, צי ווײַטערע אייגן ווײַנען שוין רויט געוואָרן.
האָבן זיך די מענטשן שטאַרק געוואונדערט, זע־ענדיק ווי ער לויפט אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס צו די ליבן.
איין מאָל, ווען דאָס ייִנגל איז אַהין געקומען, ווי זיין שטיינער איז געווען יעדן טאָג, האָט ער דער־זען, אַז ווײַטערע אייגן ווײַנען רויט. איז ער שנעל אַ היים געלאָפֿן און האָט דאָס דערציילט דער מוטער און דער באָבען.
האָט די אַלטע געזאָגט:
— נעמט אַרויס דעם טאָפּ פֿון דער ערד און דאָס שיפֿל נעמט אַרויס אין הדויסן.
אַז די עלטערן מיטן ייִנגעלע האָבן אַרויסגענומען דעם טאָפּ פֿון דער ערד, האָבן זיי דערזען, אַז ער איז אָנגעפֿילט מיט פּערל, און אַז זיי האָבן אַרויסגע־נומען דאָס שיפֿל, האָט עס אָנגעהויבן ווערן גרעסער און גרעסער פֿון מינוט צו מינוט, ביז עס איז געוואָרן גלייך צו אַ שיף, וואָס מענטשן פֿאָרן אין איר איבער וואַסער.
דאָן האָט געזאָגט צו זיי די אַלטיטשקע:
— נעמט מיט דעם טאָפּ פּערל און זעצט זיך אַריין אין דער שיף. און אַז איר וועט באַגעגענען אַ באַשעפֿעניש, זאָלט איר עס אַרײַנגעמען צו זיך אין שיפֿל; נאָר קיין מענטשן זאָלט איר ניט ראַטעווען.
האָט די מוטער און דאָס ייִנגעלע זיך אַרײַנגע־זעצט אין דער שיף — און די אַלטע איז פּלוצלונג פֿאַרשוואונדן.
באַלד האָט אָנגעהויבן צו גיסן אַ רעגן, וואָס איז שטאַרקער געוואָרן פֿון מינוט צו מינוט. ס'האָט ניט לאַנג געדויערט, און דער שלאַקסרעגן איז געוואָרן אַ מוראדיקער שטראָם. באַלד האָבן זיי געזען, ווי אַ הונט ווערט מיטגעשלעפּט מיטן שטראָם אַנטקעגן

זייער [illegible] האָבן זיי דעם הונט אַרויסגעראַטעוועט פ[illegible]סער און אַרײַנגענומען אין זייער שיף. נאָך אים [illegible]נען געקומען צו שווימען אַ פּאָר קליינע מײַז, וויינענדיק פֿון שרעק. האָבן זיי אַרויסגעראַטעוועט אויך די מײַז, אַרײַנגענומען אין זייער שיף.

דערווײַל איז דאָס וואַסער געשטיגן אַלץ העכער און העכער, ביז ס'האָט שוין דערגרייכט אַזש צו די דעכער. האָבן זיי דערזען, ווי אויף איינעם פֿון די דעכער שטייט אַ קאַץ און מיאַוקעט און וויינט ביטער. האָבן זיי אויך די קאַץ אַרײַנגענומען צו זיך. באַלד דערנאָך האָט זיך דאָס וואַסער דערהויבן ביז די שפּיצן פֿון די ביימער. אויף איינעם פֿון די ביימער איז געשטאַנען אַ ראָב און געקראַקעט, פּאַכנדיק מיט די פֿליגל. האָבן זיי אַרײַנגענומען צו זיך אויך דעם ראָב. דערנאָך איז צו זיי צוגעפֿלויגן אַ מחנה בינען. האָבן זיי די בינען אויך אַרײַנגענומען צו זיך. צום סוף האָבן די כוואַליעס געבראַכט מיט זיך אַ מענטשן. דערזען אים, האָט דאָס יינגעלע געזאָגט צו זײַן מוטער:

— מאַמע, לאָמיר אויך אַרויסראַטעווען דעם מענטשן.

האָט די מוטער נישט געוואָלט און אים געענטפֿערט:

— די באָבע האָט באַפֿוילן, מיר זאָלן קיין מענטשן נישט ראַטעווען.

האָט דאָס יינגעלע געענטפֿערט:

— פֿון דעסטוועגן וועלן מיר דעם מענטשן אַרויסראַטעווען, ווײַל כ'האָב אויף אים שטאַרק רחמנות און כ'קען נישט צוזען, ווי ער ווערט מיטגעשלעפּט מיט די כוואַליעס.

האָבן זיי דעם מענטשן אַרויסגעצויגן פֿון וואַסער און אַרײַנגענומען אים־צו זיך אין שיף.

ווען ס'איז אַוועק אַ געוויסע צײַט, האָט דאָס וואַסער אָנגעהויבן אָפּפֿאַלן. און אַז די ערד איז טרוקן

געוואָרן, זיינען אַלע אַרויס פון שיף. די מוטער מיטן יינגעלע האָבן זיך געזעגנט מיטן מענטשן און מיט די באַשעפעניש, וועלכע זיינען געזעסן מיט זיי אין דער שיף, און צוריקגעקערט זיך אַ היים. באַלד האָט די שיף אָנגעהויבן זיך איינצוקאָרטשן און זי איז גע־וואָרן קליין ווי פריער. האָבן מוטער מיטן יינגעלע זי באַהאַלטן אין קאַסטן, אין וועלכן זי איז געלעגן פאַרן מבול.

אויף דער שיף האָט דער מענטש געזען די טייע־רע פערל, האָט ער שטאַרק אָנגעהויבן מקנא צו זיין דער מוטער מיטן יינגעלע. איז ער אַוועק צום ריכ־טער און זיי פאַר אים פאַרמסרט, אַז זיי האָבן די פערל געגנבעט. האָט דער ריכטער אַריינגעזעצט די מוטער מיטן יינגעלע אין תפיסה.

איין מאָל איז געקומען דער ראָב צו פליען צום ריכ־טער און האָט אים געבראַכט אַ בריוו. אין אים איז געווען אַזוי געשריבן:

„איך בין אַרומגעגאַנגען צווישן די מענטשן און געשטאַלט פון אַן אָרעמער פרוי. אָט דאָס יינגעלע און זיין מוטער האָבן מיך אַריינגענומען צו זיך אין שטוב. דאָס יינגעלע האָט מיר אָפּגעגעבן גרויס כבוד, ער האָט מיך געהאַלטן ווי אַן אייגענע באָבע און האָט מיך געוואַשן און געפוצט".

אַזוי ווי דער ריכטער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, האָט ער באַלד געשיקט רופן צו זיך די מו־טער מיטן קינד, און זיך ביי זיי אויסגעפרעגט, ווי אַזוי זיי האָבן זיך געראַטעוועט פון מבול. האָבן זיי אים אַלץ דערציילט געניי, ווי ס'איז געווען געשריבן אין בריוו. האָט זיי דער ריכטער באַפרייט, און דעם מענטשן, וואָס האָט אויף זיי אויסגעטראַכט דעם בילבול, האָט ער אַריינגעזעצט אין תפיסה.

אַ מעשה וועגן אַ מעשה

ניטאָ אַ מענטש אויף דער וועלט, ער זאָל די דאָ-זיקע מעשה נישט קענען. ווארעם מאַמעס פּלעגן זי דערציילן זייערע קינדער, די קינדער זייערע חברים, די חברים זייערע עלטערן, זייערע עלטערן צו אַנ-דערע עלטערן — און אַזוי איז די מעשה געגאַנגען פון מויל צו מויל, פון לאַנד צו לאַנד, איבער דער גאַנצער וועלט.

און אַז די מענטשן פון איין לאַנד האָבן שוין די מעשה איבערדערציילט, און זי איז פון דאָרט אַוועק אין אַ צווייטן לאַנד, און דערנאָך איבער אַלע אַנדע-רע לענדער, האָט עס געדויערט זיבן יאָר מיט זיבן חדשים און זיבן מאָל זיבן טעג, ביז די מעשה האָט זיך אומגעקערט אין ערשטן לאַנד. פּלעגן מאַמעס מיינען, אַז דאָס איז אַ נייע מעשה, און זי ווידער דער-ציילט זייערע קינדער. זייערע קינדער צו זייערע חברים, די חברים צו זייערע עלטערן, זייערע על-טערן צו אַנדערע עלטערן — און אַזוי איז די זעלבי-קע מעשה ווידער געגאַנגען פון מויל צו מויל, פון לאַנד צו לאַנד, איבער דער גאַנצער וועלט.

וועט איר דאָך פרעגן: סטייטש, האָט זיך אינעם ערשטן לאַנד ניט געפונען קיין איין מענטש, וואָס זאָל געדענקען, אַז דאָס איז די אייגענע מעשה, וואָס ער האָט געהערט צוריק מיט זיבן יאָר און זיבן חד-שים און זיבן מאָל זיבן טאָג?

איז די מעשה פון דעם אַזאַ מעשה:

ווען די מעשה איז איבערגעגאַנגען פון איין מענטש

צום אַנדערן, האָט איטלעכער עפּעס פון דער מעשה פאַרגעסן, און ביז די מעשה האָט זיך אומגעקערט אין ערשטן לאַנד, איז זי שוין געווען גאָר אַן אַנדערע מעשה.

ווילט איר דאָך וויסן, וואָס פאַר אַ מעשה דאָס איז געווען? איז די מעשה פון דעם אַזאַ מעשה:

ערגעץ אין אַ לאַנד איז געווען אַ רייזנדער, וואָס האָט, אַקוראַט ווי איר, אויך געוואָלט וויסן, וואָס די מעשה איז געווען. איז ער געפאָרן פון לאַנד צו לאַנד אויסגעפינען. אין דעם ערשטן לאַנד האָט מען אים געזאָגט, אַז די מעשה איז ווענן אַ מאַמען מיט זיבן זין. אָבער אַז ער איז געקומען אין אַ צווייטן לאַנד און דערציילט די מעשה, האָט מען אים אויסגעלאַכט און געזאָגט, אַז די מעשה וועגן דער מאַמען מיט די זיבן זין איז נישט-געשטויגן, נישט-געפלויגן. די אמתע מעשה איז גאָר וועגן אַ קאַץ מיט זיבן קעצעלעך.

אָבער אַז דער רייזנדער איז געקומען אין אַ דריטן לאַנד, האָט מען אים ווידער אויסגעלאַכט און געזאָגט:

— גיי שוין, גיי! וועמען ווילסטו נאַרן? די מעשה איז נישט וועגן אַ קאַץ מיט זיבן קעצעלעך, נאָר וועגן אַ טייך מיט זיבן בריקן.

פאַרט שוין דער רייזנדער ווייטער און דערציילט די מעשה וועגן דעם טייך מיט זיבן בריקן. עררשט מען לאַכט ווידער פון אים.

— וואָס לאַכט איר? — פרעגט ער פאַרזאָרגעט.

— ווי אַזוי זאָלן מיר נישט לאַכן, — ענטפערן די מענטשן, — אַז דו האָסט איבערגעקערט די מעשה מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף? די אמתע מעשה איז נישט וועגן אַ טייך מיט זיבן בריקן, נאָר וועגן אַ בריק איבער זיבן טייכן.

געזען, אַז דאָס איז אַ מעשה אָן אַ סוף, טראַכט

דער רייזנדער, ער וועט איננאַנצן אויפֿהערן דער-ציילן די-מעשה. אָבער דאָס האָט אים ניט געהאָלפֿן. איז ער בייז געוואָרן און אַ מאַך געטאָן:

— טפֿו זאָל עס ווערן! — ווי ווערט מען פּטור פֿון דער מעשה?

פֿאַלט אים איין. ער וועט אַוועקפֿאָרן אויף אַן אינדזל, וואו קיינער איז נישטאָ, און אַזוי אַרום פּטור ווערן פֿון דער מעשה. האָט ער אַזוי געטאָן. ערשט ער קומט אויפֿן אינדזל, טרעפֿט ער דאָרט אַ גרויסע מאַסע מענטשן.

— וואָס טוט איר דאָ? — פֿרעגט ער זיי.

— מיר טוען, וואָס מיר טוען, — ענטפֿערן זיי: — אָבער גוט איז אונדז.

און איידער דער רייזנדער האָט זיך אַרומגעקוקט, איז ער שוין געווען איינגעשלאָסן אין אַ ראָד, און איטלעכער האָט דערציילט אַ מעשה. ער הערט זיך צו, ערשט דאָס איז די גאַנצע מעשה.

— וואָס טוט מען, — קלערט דער רייזנדער, — ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך?

ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַלע כוחות און געוואָלט אַרויס פֿון ראָד, אָבער די אינדזל-מענטשן האָבן זיך געהאַלטן שטייף ביי די הענט און אים ניט געוואָלט אַרויסלאָזן. איז אים שלעכט געוואָרן, און ער איז אַנידערגעפֿאַלן און געחלשט. ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז ער אַוועקגעלאָפֿן צום ברעג אינדזל, געכאַפּט די ערשטע שיף און געדאַנקט גאָט, וואָס ער איז ענדלעך פּטור געוואָרן פֿון דעם שרעק-לעכן אינדזל.

ווילט איר דאָך אַוודאי וויסן, וואָס ווייטער איז געווען? איז די מעשה פֿון דעם אַזאַ מעשה:

אַז דער רייזנדער איז צוריקגעקומען צו זיך אין לאַנד אַריין, האָט ער אַלעמען געזאָגט, אַז מיט אים האָט געטראָפֿן אַן אומגליק: ער איז טויב געוואָרן.

האָבן זיינע לאַנדסלייט שטאַרק באַדויערט און געזאָגט:

— אַ שאָד, ער וועט נעבעך נישט קענען הערן די נייע מעשה.

דער רייזנדער האָט דאָס געהערט און אין האַרצן איז ער געווען שטאַרק צופֿרידן מיט זיין קלוגן איינפֿאַל.

איצט ווילט איר דאָך אַוודאי וויסן, וואָס דער סוף מיט דער מעשה איז געווען? איז די מעשה פֿון דעם ערשט אַ נייע מעשה. אָבער אַזוי ווי איך האָב מורא, אַז איך וועט זיך אייך מאַכן טײַנה, וועל איך בעסער אויפֿהערן.

אינהאַלט

ס. באָרענשטיין	— אַן אויסטראַליש בערעלע — — —	3
א. בילים	— אַ שטודענטישע נאַכט — — — —	9
י. גראַזאָווסקי	— צוואַנציק קרישטאָלענע האַזעס —	14
י. מ. גודלמאַן	— אַז מע גראָבט אויף יענעם אַ גרוב (אַ יאַפּאַנישע מעשהלע) — — — —	17
ח. נ. ביאַליק	— פֿינף בלינדע און דריי טויבע (אַן אינדישע מעשהלע) — — — —	21
ל. אַמנאַן	— דער בייל (אַ יאַפּאַנישע מעשהלע)	26
מ. סטאַווסקי	— אַ מעשה מיט אַ טרעגער (אַן אַראַבישע מעשהלע) — — — —	31
א. בן-אורי	— גערעכטיקייט (אַ כינעזישע מעשהלע) — — — — — — — —	38
י. האָראָוויץ	— אַ מעשה וועגן אַ מעשה — — — —	44

IMPRENTA MODERNA - Manuel Pinto - Dr. Garciadiego No. 28. - Mexico 7, D. F.